בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' | פ' דברים | ב' תמוז | תשע"א | פסחים: פ"א:

# באריכט:

## שמחה בחצרות קדשינו

אצינד אויפדערנאכט קומט פאהר די וואכנאכט פון אן אור-אייניקל פון מרן רבינו שליט"א – בן הנולד להר"ר מאיר יודא אשכנזי שליט"א נכד מרן רבינו שליט"א, בן הגה"צ ר' זלמן אשכנזי שליט"א רב דק' אויסטילא, וחתן הגה"צ ר' העניך שליט"א חדב"ן ורב ביהמ"ד אבני צדק בשכונת עצי תמרים.

דער וואכנאכט קומט פאהר אין שטוב פונעם זיידן הגה"צ ר' העניך שליט"א, און דער ברית וועט אי"ה פאהרקומען מארגן – מיטוואך בבית מדרשו פונעם דאפעלטן זיידן הגה"צ האדמו"ר מ'אלעסק שליט"א לרפו"ש אין פלעטבוש.

## הגה"צ ראש ישיבת מהרי"ט אויף מקומות הקדושים אינאיינעם מיט אנ"ש ירושלים עיה"ק

א קבוצה פון אנשי שלומינו פון ירושלים עיה"ק זענען דעם פארגאנגענעם סוף וואך ארויסגעפאהרן אויף אוהעל לרגל די יומא דהילולא קדישא פון הגה"ק מרן הישמח משה זי"ע.

דאנערשטאג האט די קבוצה – יוצאי ישיבת מהרי"ט – אפגעווארט דעם ראש ישיבה הגה"צ רבי חיים צבי מייזליש שליט"א, וועלכער איז געקומען פון אמעריקא קיין אונגארין, און צוזאמען איז מען געפאהרן קיין אוהעל.

אין די נאכמיטאג שעות איז קודם פאהרגעקומען א "לחיים" אינע'ם הכנסת אורחים שטובל וואס איז לעצטנס איבערגעבויעט געווארן, און נאכן זינגען שירי דביקות והתעוררות האט דער ראש ישיבה שליט"א משמיע געווען מדברותיו און דערציילט עובדות פונעם בעל הילולא.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א קובע געווען א מזוזה אויף די נייע אריינגאנג צום הכנסת אורחים, און דערנאך איז מען ארויף צום ציון קודש הקדשים, וואו עס געזאגט געווארן קודם די תפילה פונעם גרויסן בעל הילולא זי"ע, און נאכדעם די פרקי תהילים מיט גרויס התעוררות.

אין די שפעטע נאכט שעות האט זיך די פמליא ארויסגעלאזט קיין סיגוט, מקום מנוחת קדשם פון אבותינו ורבותינו הק', וואו דער ראש ישיבה האט פאהרגעזאגט די תהילים מיט גרויס התעוררות.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך ערש"ק צוריק געקערט למעונו אין בני ברק, און די אנדערע טייל פון די קבוצה זענען געפאהרן קיין בודאפעסט ווי זיי האבן געוויילט אויף שב"ק .

## עלעגאנטער און רייכער דינער מעמד "חינוך הטהור" לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק פארגעקומען אין לאנדאן מיט גרויס סוקסעס

אויף א גאהר שיינעם פארנעם איז די וואך זונטאג פר' דברים העעל"ט פאהרגעקומען אין לאנדאן הבירה דעם יערליכן דינער און "מעמד חינוך הטהור" לטובת די מוסדות הקדושים יטב לב בארה"ק, בהשתתפות פון א גרויסער ציבור ידידים וחסידים וועלכע האבן אנגעפיהלט דעם זאל ישמח לב אין וועלכן דער דינער איז פארגעקומען.

ווי אין די פאריגע יארן איז דער פראכטפולער דינער צוגערישט געווארן אויף א רייכן פארנעם דורך מוה"ר נחמן רייך הי"ו פון גאלדערס גרין און זיין איידעם הר"ר יואל שווארטץ הי"ו מיוצאי בני ברק וועלכע האבן אריינגעלייגט שווערע כוחות למען הצלחת הדינער שלא על מנת לקבל פרס.

אלס יו"ר המעמד האט געדינט האברך הנכבד רודף צדקה וחסד הר"ר אברהם יהושע יחזקאל לעוו הי"ו א זוהן פון הרה"ג ר' שמעי' שליט"א ראה"כ ודומ"ץ דקהילתינו וועלכער איז מראשי קרן בנין ביהמ"ד ויואל משה, און האט מיט פאסיגע ווערטער איינגעלייטעט די מסיבה, און דאן האט ער אויפגערופן דעם מרא דאתרא הגה"צ רבי אפרים פאדווא שליט"א גאב"ד לאנדאן משמיע צו זיין דברי ברכה לרגל די מסיבה.

דערנאך האט דער יו"ר אויפגערופן הרה"ח ר' מנשה יוסף גראסבארד שליט"א מזקני ופארי קהילתינו הק' וועלכער איז דער עלטסטער גבאי פון מוסדות יטב לב אין די וועלט, צו איבערנעמען די "נזר יובל הגבאות" לאות הכרת הטוב פאר'ן דינען אלץ גבאי קודש פאר מוסדות יטב לב שוין 54 יאהר, און ער האט שוין אין לויף פון די יארן אריינגעברענגט דעם פאנטאסטישן סומע פון איבער א פערטל מיליאן פונט! פון בלויז גיין מיט די פושקע.

דער יו"ר האט אויפגעליינט די נוסח פון די תעודה, און האט דערביי דערציילט אז ווען די עסקני המוסדות האבן געשיקט דעם תעודה צום כ"ק רבינו שליט"א האט ער זיך אנגערופן מיט התפעלות "מיט אזא גרויסע זכות וויל איך אויך האבן א חלק דערין" און רבינו שליט"א האט טאקע געחתמ'עט בשולי היריעה: "הנני מצטרף לכל הנ"ל ומברכו בכל מילי דמיטב חיי"ק.

ר' מנשה האט דערנאך אויפגעטרעטן און געשילדערט פאר'ן ציבור ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט ווען ער האט די ערשטע מאל אריינגעטראגן אל הקודש פנימה צו כ"ק רבינו בעל הדברי יואל זי"ע די געלט פון די מוסדות, ווען די רבי זי"ע איז געווען אין לאנדאן בשנת תשי"ט אויפן וועג קיין אר"י, מיט וועלכע קורת רוח דער רבי זי"ע האט אים אויפגענומען, אזוי אויך האט ער איבערגעגעבן וואס ער האט געהערט פון אנשים נאמנים וואס האבן געהערט פון רבי'ן זי"ע אז זיינע מוסדות אין אר"י האבן א דין פון צדקת רבי מאיר בעל הנס, און ווי שטארק ס'איז געגאנגען בנפשו פאר רבי'ן אז די מוסדות זאלן האבן א שטארקן יסוד און הכנסה פון חו"ל.

ר' מנשה האט דערביי געזאגט אז ווען איינען שטיצט די היגע מוסדות ת"ת מיידל שולע שטיצט ער זיינע אייגענע קינדער אבער ווען ער שטיצט די מוסדות אין ארץ ישראל שטיצט ער דעם רבי'ן זכרונו לברכה'ס קינדער און דער רבי זי"ע איז זיכער מכיר טובה פאר יעדן איינעם.

דאן האט אויפגעטרויטן מיט'ן דבר המעמד הגה"צ אב"ד דקהילתינו שליט"א, און מיט גאהר ווארימע דיבורים ארויס געברענגט פארן עולם די גודל המסי"נ פון די כלי קודש פון מוסדותינו אין ארה"ק האבן, מיט די חיי דחק ולחץ וואס זיי לעבן, דער רב שליט"א האט געזאגט אז ער געדענקט ווען זיינע קינדער האבן געלערנט אינעם ת"ת אין בני ברק האט זיך נישט אנערקענט אויף די מלמדים קיין שום שינוי אינעם עבודת הקודש צו מ'איז זיי געווען שולדיג די געהאלט פאר איין חודש אדער פאר פיהר צו פינף חודשים.

דערביי האט דער רב שליט"א אויפגעפאדערט ביים ציבור אנ"ש מ'זאל זיך אנשטרענגען און מוסיף זיין מער ווי געוועגליך צו ווייזן פאר אונזער ברידער אחים לדיעה אז זיי האבן דא אוזן קשבת און א רוקן ביין פאר די מוסדות.

דערנאך האט אויפגעטרעטן הרבני הנגיד מוה"ר אשר זעליג לעוו הי"ו מראשי הנהלת מוסדות יטב לב באייראפע וועלכער האט אראפגעגעבן פאר'ן ציבור א רעפארט פון די פארגאנענע יאהר אין די מוסדות, און ווי שטארק מהאט זיך אויפגערייטערט מיט'ן עפענען א נייעם אפיס אין אנטווערפן וואס שיקט יעדן חודש פינעף טויזנט דאללער צו די מוסדות אין אר"י, און האט ארויס געברענגט די חשיבות פון יעדן פרוטה וואס מ'לייגט אריין אין די יטב לב פושקעס, אז כיום האט זיך דאס שוין צוזאם גענומען צו אזא ריזן סכום נאר פון פעניס און קליין געלט.

מיט די צענטראלע דרשה האט אויפגעטרעטן דער נואם הכבוד הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א מרבני קהילתינו הק' אין מאנסי, וועלכער האט זיך ספעציעל מטריח געווען אין געקומען צו פאהרן צו באשיינען דעם דינער, נאכ'ן זאגן פאסיגע דברי תורה לכבוד המאורע, האט ער ארויסגעברענגט דאס געוואלדיגע חשיבות פון מוסדות יטב לב, און האט ארויסגעברענגט פארשידנארטיגע נקודות וויאזוי א סאטמארער קהילה תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק רבינו שליט"א דארף אויסצוזעהן, און איבערהויפט מיטן שטיצן די הייליגע מוסדות אין ארצינו הקדושה, און ער האט אראפגעגעבן פאר'ן ציבור ווי שטארק ווארעם מען ברויך צו זיין פאר אט די הייליגע מוסדות וועלכער איז נוגע ללבו הק' פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דאן האט דער יו"ר ארויס געברענגט א ייש"כ פאר די חברי הנהלה און חברי וועד הפועל וועלכע האבן ארינגעלייגט כח און מח להצלחת המסיבה, א באזונדערע ייש"כ איז ארויס געברענגט געווארן פאר מוה"ר יצחק מאיר קאפפעל שליט"א חבר הנהלה ויו"ר נאמני העדה החרדית באייראפע וועלכער א גאנץ יאהר געבעט ער אסאך אוועק פון זיין צייט לטובת מוסדותינו הק' און בעיקר יעצט פאר'ן דינער.

במשך די מעמד איז פארטיילט געווארן פארשידענע ווערדפולע מתנות פאר די נדיבי העם, וועלכע האבן זיך כולם כאחד אנגערופן מיט א געוואלדיגע ווארעמקייט און האבן זיך אנגעשלאסן אינע'ם וועלט בארימטן מפעל "החזקת מלמד" מיט גרעסערע סכומים צו שטיצן און מחזק זיין די הייליגע מוסדות.

עס איז פארטיילט געווארן פאר אלע משתתפים דעם נייעם קונטרס דרשות חיזוק פון כ"ק רבינו שליט"א בענין נגע הציונות וועלכע איז ארויסגעגעבן געווארן

דורך די וועד משמרת חומותינו וואס דער ציבור האט שטארק צוכאפט.

אזוי אויך איז פארטיילט געווארן א הערליכן זוממער ביכל געאייגנט פאר די טייערע קינדער שיחיו וועלכע וועלן זיין פון די פרחי העסקנים און ארומגיין שאפן געלט פאר די מוסדות, אין די וואכן פון וואקאנץ ווען די עולם פארט ארויס צו ויילן על מי מנוחות.

***- גדול הי' המעמד לה' ולתורתו -***

—•—

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.